# פרשת וזאת הברכה - בראשית י"ד - כ"ז תשרי תשע"ט לפ"ק

***יום שני - ליל ב' דסוכות***

בליל יום טוב שני התקיים שמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשינו. אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגוני החג השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני החג.

*

***יום שלישי - יום ב' דסוכות***

אחר התפלה שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הרב **משה זילבערשטיין** שליט"א שהתקיים בבית אביו **הרה"ג רבי אהרן זילבערשטיין שליט"א** דומ"ץ צעהלים.

במוצאי יום טוב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף בשמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשנו ברכת אברהם. אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגונים לכבוד החג, השמיע **רבינו שליט"א** דברים נפלאים לכבוד האושפיזא דיעקב שלימתא. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודה.

*

***יום רביעי - א' דחוה"מ סוכות***

בשעות אחר הצהרים הגיע **הרה"ג רבי יוסף יונה וייסבלום שליט"א** אב"ד שעדליץ (לעיקוואד) לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**אב"ד שעדליץ:** ב"ה דער אייבערשטער האט געגעבן די זכיה אז מען האט געקענט מקיים זיין די מצות. ביי אונז אין לעיקוואד איז די ערשטע טעג געווען אביסל רעגן, אבער די סעודות האט מען געקענט עסן אין די סוכה. עס שטייט אין **משמרת שלום** (קודינוב, סימן מ"ג) אז דאס וואס די משנה זאגט, אז ווען עס רעגנט אין סוכות, איז כאילו שפך לו קיתון על פניו, דאס גייט נאר אן אין ארץ ישראל, אבער נישט אין חוץ לארץ, ווייל אין חוץ לארץ איז דאך א זמן גשמים. אנדערע ווילן זאגן, אז אויב עס רעגנט שוין פון פאר יום טוב, קען עס נישט זיין כאילו שפך קיתון, ווייל עס איז א המשך פון פריער (ספר **חמדת הימים** מובא **בבכורי יעקב** סימן תרל"ט סקל"ט). אבער דער **בכורי יעקב** (שם) זאגט, אז אויב די ערשטע נאכט רעגנט, דאס ווייזט אויף א געוואלדיגע אהבה פונעם רבונו של עולם, ווייל די ערשטע כזית איז מען מחוייב צו עסן אין די סוכה אפילו ווען עס רעגנט, און אז מען טוט א מצוה, לפום צערא אגרא (אבות ה-כג), וויל דער רבונו של עולם אז מען זאל האבן מער צער, און אזוי וועט מען האבן מער שכר.

**רבינו:** אין **רמב"ם** (פירוש המשניות סוכה סוף פרק ב') שטייט פארקערט, אז די גאנצע משנה איז נאר געזאגט געווארן אויף די ערשטע נאכט. ער זאגט, וירידת הגשמים בתחלת הסוכות, רמז כי ה' אינו מקבל מעשיהם ברצון. איך האב פארשטאנען, אז די פשט פונעם פירוש המשניות איז פארקערט, די איבריגע טעג אז מען איז פטור צו זיצען אין די סוכה, איז אז עס קומט א רעגן, איז מען דאך ממילא פטור פון די סוכה. אבער די ערשטע נאכט אז מען איז מחוייב צו עסן, און דער אייבערשטער גיט א רעגן, איז דער טייטש אז דו ביסט מוזג כוס לרבו, דו קומסט אריין אין די סוכה, און דער באשעפער איז שופך קיתון על פניו. די ערשטע נאכט ווייל מען איז מחוייב צו עסן אין די סוכה, הייסט עס אזוי ווי שופך לו קיתון על פניו. די איבריגע טעג וואס מען איז פטור, גיי איך ממילא נישט אריין אין די סוכה. דער **בכורי יעקב** זאגט פארקערט (עיין **בבכורי יעקב** שם שהאריך בזה בשיטות הפוסקים).

**אב"ד שעדליץ:** די **מטה אפרים** (סימן תרכ"ה סעיף כ"ט ובאלף למטה שם) ברענגט, אז די גאנצע קדושת הסוכה קומט אריין בין השמשות פונעם ערשטען טאג, און וועגן דעם זאל מען אויפמאכן די שלאק. די הלכה איז דאך, אז כשם שחל שם שמים על החגיגה כך חל שם שמים על הסוכה (סוכה ט.), אפילו איינער בויעט א סוכה חול המועד, איז עס אויך מוקצה אלץ די קדושה שבו. עס איז א חידוש, אז בין השמשות קומט אריין די גאנצע קדושה.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** פלעגט אלץ נאכצוזאגן דעם **מטה אפרים**, און ער פלעגט צו זאגן, אז דער **מטה אפרים** איז נישט געווען א חסיד, און פון דעסטוועגן דאך האט ער געהאט אזא הרגשה, אז די סוכה מוז זיין אפען מתחלת החג, אז עס זאל קענען חל זיין דערויף די קדושה פון די סוכה.

**אב"ד שעדליץ:** איך האב געזאגט פארן עולם, אז לויטן **בכורי יעקב** קומט אויס, אז פאר די ערשטע

כזית וואס מען וועט עסן, וועט מען באקומען מער שכר, אבער שפעטער ווען מען ענדיגט די סעודה, איז די שכר שוין נישט אזוי גרויס, און מען דארף מקיים זיין די מצוה שלא על מנת לקבל פרס, אזוי ווי די מעשה מיטן **ווילנער גאון זצ"ל**. אז איין יאר איז נישט געווען צו באקומען א אתרוג אין די גאנצע געגענט, און איין סוחר האט געבעטן אסאך געלט. ווען ער איז געוואר געווארן אז עס איז פארן **ווילנער גאון**, האט ער געזאגט, ער דארף נישט קיין געלט, ער וויל נאר האבן דעם שכר וואס דער **ווילנער גאון** וועט באקומען פארן שאקלען מיטן לולב. האט אים דער שליח צוגעזאגט. ווען ער האט עס געטראגען פארן גאון, האט ער נישט דערציילט וואס ער האט צוגעזאגט פארן סוחר. ווען עס איז געקומען פאר סוכות, האט ער געזאגט פארן גאון, איך וועל זאגן דעם אמת, אז דער סוחר האט עס נאר געגעבן מיט איין תנאי, אז ער וויל האבן דעם שכר וואס דער רבי וועט באקומען פארן שאקלען לולב. האט דער **ווילנער גאון** געזאגט, איך דארף דען די שכר?! איך דארף די ארבע מינים! זאל ער נעמען די שכר געזונטערהייט.

**רבינו:** דאס איז טייטש בלתי לה' לבדו.

**אב"ד שעדליץ:** מיר האבן געהאט א עלטער זיידע, **רבי גרשון פון שעדליץ זצ"ל**, ער איז געווען א איידעם ביי **רבי משה'לע פון זעליחוב זצ"ל**. **רבי מיכל זלאטשובער זי"ע** האט געהאט א זון **רבי משה'לע זוועהיל'ער זי"ע**, און רבי משה האט געהאט א זון **רבי מיכל זוועהיל'ער זצ"ל**, און זיין זון איז געווען **רבי יצחק שלמה פון זעליחוב זצ"ל**, און זיין זון איז געווען **רבי משה פון זעליחוב**, און דער זיידע רבי גרשון איז געווען א איידעם ביי אים. ער איז געווען א חסיד פון **רבי דוד משה פון טשארטקוב זצ"ל**, די ערשטע טעג איז ער געווען ביי זיין שווער אין זעליחוב, אבער אויף שמחת תורה איז ער געפארן צום זיין רבי'ן קיין טשארטקוב, אזוי איז געווען זיין מנהג אלע יארן. איין יאר אינמיטן די הקפות שמיני עצרת ביינאכט, האט ער געפילט אז ער האט פארלוירן די פרנסה. וואס איז געווען, זיין שווער איז דעמאלטס אוועק. ער האט נישט געוואוסט וואס דאס מיינט, ער האט קיינמאל נישט געארבעט, איז ער געגאנגען פרעגן דעם רבי'ן. אינמיטן די הקפות האט ער נישט געוואלט דרייען דעם רבי'ן א קאפ, אסרו חג איז ער אריין צו **רבי דוד משה**, און ער האט ברוך קדשו אלעס מרגיש געווען, און עס זענען געזעסן די יושבים אינעם צימער, און ער האט געווינקען פאר איינע פון די יושבים, אז ער זאל פארשפארן די טיר, און ער זאל ארויסנעמען די שליסל, און דער זיידע גיט אים א קוויטל, און ער זאגט אז ער האט געהאט אזא הרגשה, ער ווייסט נישט וואס דאס איז. זאגט דער רבי, אז מען האט אזא הרגשה, נעמט מען קוויטלעך. האט ער געוואלט ארויסלויפען, איז די טיר געווען פארשפארט. האט ער געהייסען בפניו, אז אלע יושבים זאלן שרייבן א קוויטל, און דעמאלטס האט ער אים מכתיר געווען אלץ רבי.

ער האט חתונה געהאט אין טאג פון די בר מצוה, און ער האט אנגעהויבן צו לייגען טלית און תפלין, אינעם זעלבן טאג. מען האט געזאגט אויף אים זייער זייער גרויס. נאך איידער ער איז געווארן רבי, האט ער געוואוינט א שטיק צייט אין קאלושין, דארט האט אויך געוואוינט דער **נהר שלום**, וואס האט געפירט דארט א גרויסע רבי'סטוועס. ער איז געווען א עני ואביון, ער האט גארנישט געהאט, ער האט זיך געמאכט א סוכה, קוים ז' על ז', פון ברעטער און שמאטעס, ער האט ממש נישט געהאט וואס צו עסן. און די ערשטע נאכט סוכות האט זיך געמאכט אין פוילן א שווערע רעגן מיט ווינטען, און רוב סוכות פון קאלישין זענען איינגעפאלן, אויך די סוכה וואו דער קאלישענער רבי האט געפירט טיש, חוץ אויב איינער האט געהאט א געבויטע סוכה. און דער **נהר שלום** איז געגאנגען פארטאגס אין מקוה, און ער זעהט א קליין סוכה פון שמאטעס, וואס על פי דרך הטבע קען נישט זיין אז דאס שטייט פון ערב סוכות, האט ער זיך פארגעשטעלט אז מן הסתם האט מען עס יעצט פארראכטען, און עס האט אים געאהרט חילול יום טוב, איז ער צוגעגאנגען צו דעם סוכה, און ער האט געזעהן ווי דער זיידע זיצט און לערנט, זאגט ער אים, נו, יום טוב. האט ער אים געענטפערט, אין א סוכה וואו די אושפיזין קומען אריין, האט די ווינט נישט קיין שליטה.

האב איך מיט דעם געטייטשט, בסוכות תשבו שבעת ימים, כל האזרח בישראל ישבו בסוכות (ויקרא כג-מב). אין **זוהר הק'** (ח"ג קג:) שטייט, אז 'אזרח' גייט ארויף אויף די אושפיזין. אז מען וויל די סוכה זאל שטיין גאנצע זיבן טעג, זאל מען זעהן כל האזרח בישראל ישבו בסוכות, אז די אושפיזין זאלן קענען אריינקומען אין די סוכה, וועט עס קענען שטייט זיבן טעג.

**רבינו:** מיט זיי טשעפעט מען נישט.

**אב"ד שעדליץ:** יעצט איז געוווען די הייליגע טעג, האט מען געבעטן לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים (דניאל ט-ז). אין די גמרא (יומא פו:) איז דא א מחלוקת צווישן רבי יהודה בן בבא מיט רבי עקיבא צו מען דארף מפרט זיין דעם חטא. אין איין פסוק שטייט (תהלים לב-א) אשרי נשוי פשע כסוי חטאה. און אין א אנדערע פסוק שטייט (משלי כח-יג) מכסה פשעיו לא יצליח, ומודה ועוזב ירוחם. דער **רמב"ם** (הל' תשובה ב-ג) פסק'נט ווי רבי יהודא בן בבא נגד רבי עקיבא, אז ער זאל מפרט זיין די חטא. און די מפרשים אויפן פלאץ פרעגן אויפן **רמב"ם**, אז הלכה כרבי עקיבא מחבירו (עירובין מו:). על כל פנים, רש"י לערנט דארט, פארוואס זאל מען נישט מפרט זיין די חטאים, ווייל אויב איינער איז מפרט זיינע חטאים, איז ער ממעט כבוד שמים, דו זאגסט אז דו פאלגסט נישט דעם אייבערשטען, וועגן דעם טאר מען נישט מפרט זיין. און רבי עקיבא האלט, אז מען דארף יא מפרט זיין. על כל פנים דער **רמב"ם** פסק'נט אז מען דארף יא מפרט זיין די חטאים.

דער **פנים מאירות** (ח"ב קעה) איז מברר די הלכה אז מען טאר נישט מפרט זיין די חטאים, אזוי ווי אלע נעמען אן אקעגן דעם **רמב"ם**. ער ברענגט זיך א ראיה פון די גמרא (סוטה ז:). די גמרא זאגט דארט, אז בשלמא יהודה דאודי, כי היכי דלא תישרף תמר, אבער ראובן וואס האט ער געדארפט מודה זיין, והאמר רב ששת חציף עלי מאן דמפריט חטאיה. ענטפערט די גמרא, כדי דער טאטע זאל נישט חושד זיין די אנדערע ברודערס. איז א ראיה פון דארט, אז אויב עס איז נישט דא קיין שום סיבה, טאר מען נישט מפרט זיין די חטאים. ער זאגט, אז די וואס זאגן מען זאל מפרט זיין די חטאים און נתבייש ווערן, ישתק הדבר ולא נאמרו, ודברי חיצונים הוא, עס איז נישט דא אזא מין זאך.

אבער למעשה א מענטש וויל דאך האבן א כפרה, תוספות זאגט אויף די גמרא (ברכות לד:), חציף עלי מאן דמפריש חטאיה, פארוואס, ווייל ווען איינער איז מפרט זיינע חטאים, זעהט אויס כאילו ער שעמט זיך נישט. איי ער וויל דאך האבן א כפרה, זאגט תוספות, כל העושה דבר עבירה ומתבייש, מוחלין לו מיד (ברכות יב:). קומט אויס אז אויב איך שעם זיך עס ארויסצוזאגן, דאס אליין איז א כפרה. קומט אויס לפי זה, אז די מחלוקת צווישן דעם **רמב"ם** און אנדערע איז, דער **רמב"ם** האלט, זיי דיך מבייש וועסטו האבן א כפרה, און דער אנדערער האלט ניין, שעם דיך עס ארויסצוזאגן. און דאס איז א געוואלדיגע חסד פונעם אייבערשטען, איך שעם זיך עס צו זאגן. 'לך ה' הצדקה', אז 'לנו בושת הפנים', איך שעם זיך ארויסצוזאגן, פאר דעם אליין ביסטו מיר מוחל.

**רבינו:** איך האב געזעהן פאר יום הקדוש, עס איז מיר געוווען אזא פלא, איך האב נאכגעקוקט אין **חינוך** (מצוה שסד) אויף די מצוה פון תשובה, זאגט דער **חינוך**, אז מען דארף חרטה האבן אויף וואס מען האט געזינדיגט, און מען דארף זיך מתוודה זיין בפה, ארויסזאגן מיטן מויל די ווידוי, דאס ווייסט דאך יעדער איינער, אז ווידוי מוז זיין, עס איז א חלק פון תשובה, והתוודו את חטאתם אשר עשו (במדבר ה-ז).

**אב"ד שעדליץ:** דער **חינוך** זאגט דארט, אז אן די ווידוי איז מען גארנישט יוצא די מצוה פון תשובה.

**רבינו:** און ער זאגט דארט א שורה, אז די ווידוי איז נישט גענוג אז ער איז מתוודה 'איך האב געזינדיגט', נאר ער מוז ארויסזאגן בפה, 'איך גיי נישט מער זינדיגן' (וכן הוא **ברמב"ם** הל' תשובה א-א). אין אלע נוסחאות פון אונזער ווידוי, ווערט נישט דערמאנט אזא לשון.

**רבינו הוציא ספר החינוך ועיין בפנים**

**רבינו:** מדיני המצוה, מה שאמרו זכרונם לברכה (תענית טז.), שהתשובה היא שיעזוב החוטא חטאו, ויסירנה מלבו וממחשבתו, ויגמור בלבו שלא יעשה כן עוד, כדכתיב (ישעיה נה-ז) יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו. ואחר כך יתוודה עליו, כלומר שיאמר דברי התשובה בפיו, שנאמר (שמות לב-לא) ויעשו להם אלהי זהב. וגם כן צריך להזכיר בפירוש, שלא ישוב לעשות החטא עוד, שנאמר (הושע יד-ד) ולא נאמר עוד אלקינו למעשה ידינו אשר בך ירוחם יתום.

איך האב נאך יום טוב אריינגעקוקט אין מחזור המפורש, אין אנהייב רעדט ער פון ווידוי, און ער איז נישט מזכיר דאס. אבער ער ברענגט צו ווי אזוי עס שטייט ביי אונז אין חז"ל (יומא פז:) די נוסח פון ווידוי, און ווי אזוי עס שטייט אין ירושלמי (סוף מסכת יומא) אויסגערעכנט די נוסח פון ווידוי. און די נוסח וואס ער איז מעתיק פון ירושלמי, ווערט דערמאנט דארט 'אז איך גיי עס מער נישט טון'. ער מאכט נישט קיין עסק דערפון, אז דא איז דא א שינוי אינעם נוסח פון ווידוי, אבער אין ירושלמי איז דער נוסח אז מען זאל אזוי זאגן.

**אב"ד שעדליץ:** דער **חינוך** על פי רוב נעמט די לשון **הרמב"ם**, און דער **רמב"ם** אסאך מאל נעמט פון די ירושלמי, און נישט פון בבלי.

**רבינו:** לכבוד דעם בין איך אדורכגעגאנגען יום כיפור דעם ווידוי און איך האב געזוכט צו עס איז דא אזא אויסדרוק. און עס איז נישט דא קיין שום אויסדרוק אין מחזור, גאנץ יום כיפור, וואס ער זאגט ארויס מיטן מויל אז איך גיי עס מער נישט טון.

**אב"ד שעדליץ:** די גמרא (יומא פז:) זאגט, אז ווען ער זאגט אבל אנחנו חטאנו, איז שוין גענוג.

**רבינו:** זעהט אויס אז מען האט חייש געווען אויף שקר. קען זיין ער איז נישט דערביי. אז ער נעמט זיך פאר אז ער וועט עס נישט טון (ועיין עוד בספר **שמחה לאיש** על עניני תשובה סימן כ"ג שהאריך בענין זה).

**אב"ד שעדליץ:** איך האב געזעהן אין **לחם משנה** (הל' תשובה ב-ב), אז א מענטש קען זיך דען פארשטעלן די נסיונות וואס וועט זיין אין דריי וואכן ארום. ווי אזוי קען זיך א מענטש פארנעמען. נאר דער פשט איז, אז אין דער מצב וואס דו ביסט יעצט, ביסטו גרייט אז דו וועסט עס נישט טון. און דאס מיינט עד שיעיד עליו יודע תעלומות, שלא ישוב לכסלה עוד.

עס איז באקאנט אז דער **ישמח משה** שרייבט (פ' נשא ד"ה והתודו), נשאלתי ממשכיל אחד, תשובה איז די מצוה, חרטה, ווידוי, און עזיבת החטא. פארוואס אין די תורה איז נאר דא והתודו את עונם, עס ווערט נישט דערמאנט חרטה און עזיבת החטא. אויב עס איז אזא גרויסע מצוה, פארוואס ווערט עס נישט דערמאנט אין די תורה. זאגט ער דארט, האב איך אים געענטפערט, אז אויף חרטה איז נישט שייך קיין ציווי. אדער פילסטו שלעכט, אדער נישט. מען קען נישט הייסן פילן שלעכט. עזיבת החטא, די תורה האט קיינמאל נישט געגעבן קיין היתר אז דו זאלסט טון דעם חטא. נאר וואס דען, טאמער טוסטו תשובה, זאגט די תורה והתוודו, עס פעלט אויס די תנאי פון ווידוי, אבער די תורה קען נישט מצווה זיין אויף תשובה.

בדומה לזה האב איך געהערט אמאל פונם זיידן, דער **שבט הלוי זצ"ל**, אז עס איז א מחלוקת ראשונים, צו עס איז א מצוה חיובית, אז די ארבעה שצריכין להודות מוזן ברענגען א קרבן תודה, צו עס איז נאר א רשות, אויב דו ווילסט, קענסטו ברענגען א קרבן תודה. פון א לשון אין רש"י (ויקרא ז-יב) איז משמע אז עס איז נאר א רשות, און ער מאכט א מחלוקת ראשונים פון דעם. יארן צוריק בין איך געווען ביי א שיעור דא אין וויליאמסבורג, ביי רבי יוסף געלבער אינדערהיים, געדענק איך אז ער האט געזאגט, אז דאס איז די סיבה פון די ראשונים. תודה איז טייטש, איך דארף יענעם דאנקען. עס איז נישט שייך קיין ציווי, דו דארפסט האבן א געפיל. אויב איך געב דיך א ציווי, איז עס גארנישט א תודה. דו דארפסט האבן א געפיל אז דו דאנקסט יענעם (עיין **בשו"ת שבט הלוי** ח"ג סימן קס"ג אות ג').

**רבינו:** איך האב געזעהן צוברענגען פונעם **בית יצחק** (בתשובות יו"ד ח"ב סימן קס"ח אות י"ב), אז אלע מצוות דארף מען טון ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, אבער די מצוה פון תשובה, קען מען נישט טון, לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה, מקיים צו זיין די מצוה פון תשובה. ווען איינער גייט איבערבעטן יענעם, וועט ער אים זאגן, איך בעהט דיך איבער ווייל דו האסט מיר מצווה געווען אז איך דארף דיך איבערבעטן?! עס איז נישט שייך צו מאכן די מצוה, נאר פריוואט פון מיר אליין, אבער נישט אלץ א ציווי, אז די תורה האט אזוי געהייסן. די ווידוי שפעטער דאס קען יא זיין. דאס הייסט, איך האב דיר איבערגעבעטן, זאג עס מיר ארויס מיטן מויל, בין איך מקיים וואס דו האסט געבעטן. אבער די עצם תשובה, ער זאל עס טון ווייל מען האט עס מצווה געווען, דאס קען מען נישט. עס איז ענליך צו דעם **ישמח משה**.

**אב"ד שעדליץ:** די וועלט זאגט, אויף די משנה (יומא פה:) האומר אחטא ואשוב אחטא ואשוב, אין מספיקין בידו לעשות תשובה. וואס איז די דאפעלטע לשון, אחטא ואשוב, אחטא ואשוב. ווייל איינמאל דארף ער טון א עבירה לשמה, כדי ער זאל קענען תשובה טון (**חנוכת התורה** תהלים קיט). דער **סמיכת חכמים** שרייבט (בספרו **קדושה וברכה** ברכות יט.), אז די גמרא (ברכות יט.) זאגט, אם ראית תלמיד חכם שעבר עבירה בלילה אל תהרהר אחריו ביום וגו', ודאי עשה תשובה. פרעגט ער, ווען איינער טוט א עבירה בייטאג, איז נישט ודאי עשה תשובה? וואס איז פשט אין דעם? גייט ער אויך מיט דעם מהלך, אז ער מוז טון א עבירה, כדי תשובה צו טון. אבער אז דו וועסט טון בייטאג, ווערן זיך אנדערע אפלערנען, אז דער רב מעג עס טון, מעג איך עס אויך טון. מוז ער עס טון ביינאכט ווען קיינער זעהט נישט. זאגט ער פשט, 'שמא עשה', ווייל, 'תשובה', ער דארף דאך מקיים זיין די מצוה פון תשובה, איז ממילא 'ודאי עשה תשובה'.

איך האב אמאל געזאגט מיט דעם, אז וועגן דעם ביי די שליו, ווען משה רבינו האט געזאגט, הצאן ובקר ישחט להם ומצא להם (במדבר יא-כב), זאגט רש"י זו

קשה יותר משמעו נא המורים, אלא לפי שלא אמר ברבים חסך לו הכתוב. וואס איז טייטש חסך לו הכתוב. אבער לויטן **סמיכת חכמים** איז גוט, ווייל א זאך וואס קיינער זעהט נישט, מעג מען איינמאל טון, ווייל ער וויל תשובה טון. אבער א זאך וואס איז ברבים, דאס טאר מען נישט טון.

**רבינו:** עס שטייט ביי יוסף ווען ער האט געהאט דעם נסיון, און זי האט אים געזאגט, מען דארף דאך אמאל תשובה טון. טו יעצט א עבירה, וועסטו האבן אויף וואס תשובה צו טון. האט ער געענטפערט, וחטאתי לאלקים (בראשית לט-ט), איך האב שוין אמאל געזינדיגט, און איך האב שוין מקיים געווען די מצוה פון תשובה.

**רבינו מסר לו ספר שמן ראש על חג הסוכות ונפרדו לשלום**

*

***יום חמישי – כ' דחוה"מ סוכות***

אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של זקינו **הגה"ק רבי חיים יהודא דייטש זצוק"ל** דומ"ץ מאקאווא.

***וזה תוכן השיחה:***

**הרה"ג רבי מיכל ניימאן שליט"א:** זאגן קדיש נאך א זיידע, איז א הלכה?

**רבינו:** עס איז דא וואס האלטן, אז אויב עס איז נישט דא קיינער וואס זאל זאגן קדיש, זאלן די אייניקלעך זאגן (עיין **במטה אפרים** דיני קדיש יתום שער ג' סי"ד).

**הגר"מ ניימאן:** ווילאנג ציהט זיך דאס?

**רבינו:** האט עס דען א שיעור?! ביי די רבי'ס האט מען געהאלטן די יארצייט אפילו פון עלטער עלטער זיידעס, און מען האט געזאגט קדיש, און געמאכט א סעודת הילולא. קען זיין א רבי איז א אנדערער ענין.

*

**רבינו:** דער זיידע (**בעל אהבת חיים ממאקאווא זצ"ל**) האט זייער פלייסיג געלערנט. לא פסק פומיה מגירסא.

**הגר"מ ניימאן:** ער האט געשריבן אסאך ספרים. די הגדה האט מען גערופן די 'בעלזער מאקאווא הגדה'.

**רבינו:** מען האט אריינגעלייגט דערין אסאך בעלזא תורות. די בעלזא תורות האט ער נישט געשריבן, נאר א חלק דערפון. ער איז געווען א בעלזער חסיד. אבער אין מאקאווא האט געוואוינט א יוד, רבי יונה הלפערט ז"ל, ער איז געווען דער שוחט, ער האט געמאכט א ספר **מראה ריאה** אויף הלכות טריפות, און ער פלעגט אסאך צו פארן אויף בעלזא, און ער האט געהאט געשריבן אסאך תורות פונעם **בעלזער רב זי"ע**. און מיין פעטער, דער **קאטמונ'ער רב זצ"ל**, ווען ער האט געדרוקט דעם **הגדה קול יהודה** פונעם זיידען, האט ער געוואלט אז עס זאל זיין גאנגבאר, האט ער גענומען פון דעם רבי יונה זיינע כתבי ידות וואס ער האט געשריבן תורות פונעם **בעלזער רב**, און ער האט ארויסגעקליבען די תורות וואס זענען שייך צו די הגדה אויף פסח, און ער האט עס אריינגעלייגט, און דורך דעם איז עס געווארן אזא געמישעכטס, מאקאווא מיט בעלזא. דער **בעלזער רב** האט עס אויך גענוצט. און ער האט עס גערופן אמאל די 'מאקאווא בעלזא הגדה'. וועגן דעם איז עס אזוי נתפשט געווארן.

ער שרייבט אין **אהבת חיים** (על חג הסוכות) [עס איז דא צוויי בענדער, אויף תורה און מועדים], אז עס שטייט אז אליהו הנביא קומט צו יעדן ברית. דער **בני יששכר** (תשרי ד-ז) ברענגט צו א מדרש, אז אליהו הנביא האט געזאגט, אז ער קען נישט קומען צו יעדע ברית, ווייל עס זענען דא דארט בעלי עבירה. האט דער אייבערשטער געזאגט, איך וועל מוחל זיין פארן בעל ברית מיטן סנדק, און פאר אלע וואס זענען דארט. תחת אשר קנא לאלקיו, אלץ קנאות קען ער נישט קומען, און וועגען דעם ויכפר על בני ישראל (במדבר כה-יג). זאגט דער זיידע, אז עס קען זיין, אז אזוי ווי די אושפיזין קומען אין די סוכה צו יעדן יוד, קענען זיי דאך אויך האבן די זעלבע טענה, א פשוט'ער יוד, א בעל עבירה, ווי אזוי קענען קומען צו אים די אושפיזין. איז דער אייבערשטער מוחל די עונות. אזוי ווי ביי אליהו הנביא איז מען מוחל די עונות, כדי ער זאל קענען קומען צום ברית, אזוי אויך איז מען מוחל די עונות, כדי די אושפיזין זאלן קענען קומען אין די סוכה.

קען זיין אז וועגן דעם איז סוכות נאך ראש השנה און יום כיפור, ווייל יעצט ווען מען האט מוחל געווען די עונות, יעצט קענען זיי קומען. אויב עס איז נישט דא קיין מחילת עונות קענען די אושפיזין נישט קומען.

מען זאגט נאך פון איינע פון די צדיקים, אז עס איז דא א חילוק צווישן די אשכנזים און די חסידים ווי אזוי עס איז דער סדר פון די אושפיזין, צו אברהם יצחק יעקב יוסף משה אהרן דוד, צו משה און אהרן און נאכדעם יוסף. קומט אויס אז די דריי טעג פון

משה אהרן און יוסף איז דא חילוקים ווער עס קומט. האט איינע פון די צדיקים געזאגט, ווי אזוי קען מען זאגן אז יוסף קומט נישט, איך האב געזעהן אז יוסף איז אריינגעקומען אין די סוכה. האט מען אים געזאגט, אז עס איז נישט קיין ראיה, ווייל די אושפיזין קומען נאר אויב מען לאדענט, און ער האט געלאדענט יוסף, איז געקומען יוסף. ווען ער וואלט ווען געלאדענט משה אדער אהרן, וואלט ער געזעהן משה מיט אהרן קומען. ווען מען האט געלאדענט די זעגען געקומען.

**הגר"מ ניימאן:** אין זידיטשוב האט מען געהאלטן אזוי ווי די אשכנזים.

**רבינו:** יא, נאר אין זידיטשוב. אויסער זידיטשוב ווייס איך נישט ערגעץ אנדערש.

**א' מהנוכחים:** עס שטייט אז מען לאדענט אלע.

**רבינו:** אלע קומען מיט.

**א' מהנוכחים:** עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ג קג:, קצא:), אז אברהם אזל בכולי יומא. אלע קומען דאך מיט.

**רבינו:** אברהם קומט ברישא.

*

בשעות הלילה התקיים שמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשנו. אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגונים לכבוד החג, השמיע **רבינו שליט"א** מדברותיו בעניני החג. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל וואלפין שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק').

*

***<u>ערב שבת קודש – ג' דחוה"מ סוכות</u>***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה להר"ר **אהרן ווייסבערג** שליט"א. אחר התפלה התקיימה מסיבת לחיים לכבוד השמחה.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו** (פנה להרב **שמואל בנימין בוים** שליט"א)**: זאגטס עפעס א גוט ווארט.**

**הרב שמואל בנימין בוים שלייט"א:** עס שטייט אין די ספרים הק', אז די ד' מינים, איז איינס שמעקט גוט און עס האט א גוטן טעם, און די הדסים שמעקן, יעצט איז עס גוט, אבער שפעטער ווען מען וויל עס עסן, האט עס נישט קיין טעם. די ערבות שמעקט נישט גוט, און עס האט נישט א גוטע טעם. נעמען מיר אלע פיר מינים צוזאמען, און מיר שאקלען עס פארן בורא כל עולמים, און מיר זאגן, אלעס איז הודו לה' כי טוב. אפילו די ערבה וואס איז יעצט נישט גוט, עס האט נישט קיין גוטן ריח. און עס וועט נישט ארויסקומען דערפון קיין גוטס, ווען מען וועט עס עסן האט עס אויך נישט קיין גוטן טעם. און אפילו די זאכן וואס איז יעצט גוט, ווי די הדסים, אבער עס וועט נישט ארויסקומען דערפון שפעטער גוטס, זאגט מען הודו לה' כי טוב. אבער נאכדעם בעהט מען אנא ה' הושיעה נא, אונז דארף מיר דאס נישט האבן, אונז בעהט מיר אז די ערבה זאל שוין מתוקן ווערן. און נאכדעם הושענא רבא נעמט מען די ערבה, און מען קלאפט עס אראפ, אונז דארף מיר נישט די ערבה, נאר עס זאל זיין גוט, סיי יעצט, און סיי שפעטער.

**רבינו:** איך האב אמאל געהערט פון איינעם, האט ער מסביר געווען, וואס מיינט יפה שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא מכל חיי עולם הזה (אבות ד-יז), וואס מיינט קורת רוח. וואס איז דער איבערטייטש אז קורת רוח בעולם הבא איז מער. ער זאגט נישט יפה 'שכר' עולם הבא יותר משכר עולם הזה, ער זאגט דעם לשון 'קורת רוח'. האט ער געזאגט, ווען א מענטש גייט אדורך נעבן א בעקעריי, און ער שמעקט א גוטע גערוך פון עסן, איז עס א קורת רוח. ער האט גארנישט טועם געווען, נאר די שמעק דערפון. ווען ער גייט אריין, און ער קויפט עס, און ער עסט עס, דעמאלטס שפירט ער די טעם דערפון. נישט נאר די טעם פון עולם הבא איז מער פון כל חיי עולם הזה, נאר אפילו די קורת רוח, די שמעק פון עולם הבא, איז בעסער מכל חיי עולם הזה. – עס איז דא מצות וואס א מענטש טוט, וואס אויף דעם באקומט מען שכר, דאס איז דער טעם. און אפילו די קלייניגקייטן וואס א יוד טוט, באקומט מען דערפאר קורת רוח, מען גיט אים א שמעק דערפאר, דאס איז אויך מער מכל חיי עולם הבא.

*

***<u>יום ראשון – הושענא רבה</u>***

במוצאי שבת קודש נכנס **רבינו שליט"א** לבית המדרש לקריאת משנה תורה, ועמד ליד הבעל קורא וקרא מתוך הספר תורה במשך כל זמן הקריאה. אחר הקריאה חזר לביתו, והמשיך באמירת תהלים.

ביום הושענא רבה ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה לאמירת הלל והושענות. אחר תפלת המוספין נגשו קהל רב מאנ"ש לקבל עלי הערבה מידו של **רבינו**

**שליט"א**. גם חילק **רבינו שליט"א** טבעות הלולב לכמה מבחורי אנ"ש.

*

***ימי שמיני עצרת ושמחת תורה***

הימים האחרונים של חג בצל קדשו של **רבינו שליט"א** היתה חטיבה אחת של התרוממות הנפש, ושמחה וחדוה עילאה בה' ובתורתו הקדושה, הדרא דלא אפשר למיפרט בשפוותא.

בלילי החג אחר תפלת מנחה השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש, ודברי הכנה בגודל קדושת היום, אשר אין בה שום מצוה אחרת רק שמחה, כדי שתוכל להיות מחשבת האדם מקושרת כל היום כולו לשמחה. ומה גדול הארת פניו של אדם אחר שעבר ימים קדושים כאלו ימים נוראים וסוכות, ואור מופלא כזה מקדושת המצוות והארת הימים הקדושים, וישיבה בצלא דמהימנותא שבוע ימים, אין לנו דוגמתו משך כל ימי השנה, והוא רגל 'בפני עצמו', עבור הפנים היפות והמאירות שיש לכל אחד בעצמו. ויש לנצל קדושת היום לשמוח בה', אשרינו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלינו, ומאן דיתיב עם מלכא וכו' כל מה דבעי שאיל ויהיב ליה, שמשמחה זו ישפיע עלינו כל טוב.

בליל שמחת תורה נשא **רבינו שליט"א** מדברותיו בדברי אגדה המושכים את הלב, לבאר מקראי קודש שבנביאים שמתאר איך שדוד מלך ישראל היה מפזז ומכרכר בכל עוז בהעלותו את ארון ברית ה', ודיבר בגודל השפע שהשפיע דוד המלך לכלל ישראל בעת שמחתו בשמחת התורה, שפע של בני חיי ומזוני, ושזהו תעודתו של מנהיג ישראל להסתכל תמיד רק על טובתן של ישראל ולהמשיך להם צרכיהם.

*

אחר תפלת מעריב ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה לאמירת פסוקי אתה הראת וכו', וערך את סדר ההקפות בלהט קודש, כאשר קהל הקודש אותו כחומה מסבבים, ולצדם בחורי חמד וילדי צאן קדשים על מקומותיהם במעלות ההיכל, כולם רוגשים ומתרוממים בעוז ותעצומות, בעת אשר בו ירוץ צדיק ונשגב בעבודה עילאה, לשוש ולשמוח בשמחת התורה.

מה נהדר היה מראה כהן גדול בריקודין הנלהבים, כאשר **רבינו שליט"א** מפזז ומכרכר בכל עוז. ובריקודין עילאין בניגוני 'ואמר ביום ההוא הנה אלקינו זה וכו', 'יראו עינינו וישמח לבנו ותגל נפשינו בישועתך באמת', 'וידעו כי אתה שמך ה' לבדך', 'אנא עבדא דקודשא בריך הוא'. ובספר תורה הכרוך בזרועו מנענע בנענועי קודש לצידי ההיכל בהקפה השישית. בעוד שבין ההקפות מושרים ניגוני דביקות והתעוררות, בגעגועי אהבה להשי"ת, ובפרט ברגשי בכי והתעוררות בשירת ניגוני חב"ד עתיקים, ניגון ד' בבות, ניגון הכנה, ובניגון אהבה רבה (להרה"ק מהרצ"ה מרימנוב זי"ע) ועוד, אשרי עין ראתה כל אלה.

בהקפות השביעית בלילי שמיני עצרת ושמחת תורה, רקד **רבינו שליט"א** עם מאות ילדי התשב"ר צאן קדשים, בעוד שהציבור מזמרים ומטפחים במחיית כפיים, בתפלת 'זרעא חיא וקיימא זרעא די לא יפסוק ודי לא יבטול מפתגמי אורייתא'. וביום שמחת תורה בהקפה השביעית רקד **רבינו שליט"א** גם עם בחורי אנ"ש בניגון 'וטהר לבנו לעבדך באמת', והשירה התגברה בריקוד נלהב ומרומם, כאשר **רבינו שליט"א** מזמר הניגון 'אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל' (בניגון מירון), וכל הקהל עונים אחריו פיסקא בפיסקא בשמחה ובהתרוממות הנפש. אחר כל ההקפות ביום ובלילה בירך **רבינו שליט"א** את כל הקהל בפסוקי 'ברכת כהנים' באהבה ובקול רם, ואמר כל העם אמן הללוי-ה.

עם סיום ההקפות ביום שמחת תורה עלה **רבינו שליט"א** לתורה בקריאת פרשת וזאת הברכה, ואחר הפסקה קצרה לקידוש היום, התקיים קריאת החתנים בבית המדרש. **רבינו שליט"א** עלה ל'חתן תורה' כנהוג.

בשעות הערב הסיב **רבינו שליט"א** לנעילת החג, כאשר קהל הקודש יחדיו משוררים ניגוני התעוררות ודביקות של ימים הנוראים, מה יפו פעמיך בנעלים.

אחר שזימרו ניגוני התעוררות לזמן ממושך, השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו על גודל השמחה שזכינו לסדר את ירח האיתנים התקיפים במצוות, ושעות רבות שזכינו לשבוע מנועם ה' ומצותיו.

**רבינו שליט"א** המשיך את דבריו בענין אמונת ה' אשר בהכרת האדם שעולם הזה יש לו בעלים, ולה' הארץ ומלואה תבל ויושבי בה, אז מבין שאין לו רשות ליהנות בעולם הזה רק מה שהתיר לו בעל הבית, ודבר פשוט הוא בעיניו, שאינו רשאי לילך ולראות או לעשות רק מה

שהתיר לו ה'. ואחר שישבנו בצילא דמהימנותא מתעלה האדם להתבונן ולהשיג ענין זה ביתר שאת.

בסיום הדברים דיבר **רבינו שליט"א** בחובה לנצל ימי השבתות קודש לחינוך הבנים, ועל הזהירות בהשתמשות בכלי הטעכנאלאגיע, בגודל מעלת התפלה במתינות ובהשתפכות הנפש לפני קונו, בשבח הלימוד במסגרת חבורת '**ובהם נהגה**' שע"י קהלתנו הק', ולהצטרף בלקיחת הבחינות מידי חודש בחדשו, ובשבח חבורת '**תורה שבכתב**' ללימוד חומש רש"י.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**כל** מצותך אמונה, אלע מצוות פונעם אייבערשטן איז געבינדען מיט אמונה. **דאס איז דער יסוד פון אלעם, צו גלייבן אז עס איז דא א בעל הבית אויף די וועלט, דער אייבערשטער האט עס באשאפן, און דער אייבערשטער פירט די וועלט, און אלעס איז מיט אן השגחה פונעם אייבערשטן.** וואס ליגט אין די אמונה, אז א יוד דארף אזוי גלייבן אז דער רבונו של עולם איז דער בורא עולם וואס האט באשאפן די וועלט? וואס איז די טיפקייט פון די אמונה, וואס דאס איז דער יסוד ביי אונז, בא חבקוק והעמידן על אחת, וצדיק באמונתו יחיה (מכות כג.).

**איך** וועל עס מסביר זיין אין פשטות. א מענטש פאר זיך האלט, אז ער איז בארעכטיגט צו טון אלעס וואס ער וויל. - מען רעדט נישט פון קיין איסורים, מען רעדט פון דברים של רשות, פון זאכן וואס מען מעג טון. - קיינער זאל זיך נישט אריינמישן און זאגן וואס ער האט צו טון, ער קען טון וואס ער וויל. ער איז דער בעל הבית ביי זיך אין שטוב, און ער איז דער בעל הבית אויף זיין פארמעגן, ער קען טון מיט זיין גוף, און ער קען טון מיט זיין שטוב, און מיט זיינע זאכן, וואס עס איז אים עולה על דעתו, ווילאנג עס איז נישט קיין עבירה. איך בין א בעל הבית, און איך קען טון, און קיינער האט מיר נישט איינצוטיילן וואס איך זאל טון, און וואס איך זאל נישט טון.

**אבער** אזויפיל פארשטייט אפילו א קינד אויך, אז ביי דיר אינדערהיים ביסטו טאקע א בעל הבית, קיינער קען דיך נישט שטערן וואס דו ווילסט טון, אבער איינמאל דו גייסט אריין צו יענעם אין שטוב, קענסטו נישט טון וואס דו ווילסט. דו קענסט נישט נעמען וואס דו ווילסט, דו קענסט נישט צו גיין צום פרידזשידער און ארויסנעמען וואס פאר א עסן דו ווילסט, נאר וואס מען וועט דיר דערלאנגען, דאס קענסטו עסן. דו האסט נישט קיין רעכט אריינצוגיין אין קיין שום צימער, נאר אין דעם צימער וואס מען האט דיר צוגעשטעלט אז דו קענסט דארטן זיין. דו האסט נישט קיין רעכט צו עפענען קיין איין לעדל, אריינצוקוקן וואס עס טוט זיך דארטן. ביי יענעם אין שטוב ביסטו געבינדן, אז דו קענסט נישט גיין, און דו קענסט נישט זעהן, און דו קענסט נישט טון, נאר א זאך וואס דער בעל הבית האט דיר געגעבן רשות. עפעס אנדערש האסטו נישט קיין רעכט אז דו זאלסט עס קענען טון. דאס פארשטייט יעדער איינער.

**ווען** א מענטש מיינט אז די וועלט איז הפקר. עס איז דא א וועלט, און איך בין אויך דא אויף די וועלט. די וועלט איז הפקר, און ער איז אויך הפקר. ער איז פונקט אריינגעפאלן דא אין די וועלט, שפירט ער נישט אז מען קען אים באגרעניצן און זאגן וואס ער מעג טון, און וואס ער טאר נישט טון. עס איז א הפקר וועלט, אזוי ווי א גוי טראכט, און איך בין בארעכטיגט, און איך קען טון, וואס איך וויל. ער האט אמאל מורא פון די מדינה, וועט ער נישט טון א זאך וואס מען טאר נישט, אבער בעצם פילט ער נישט ביי זיך אז ער איז געבינדן, און ער קען נישט טון וואס ער וויל. ער קען טון וואס ער וויל, איך בין א בעל הבית דא, קיינער האט מיך נישט וואס צו שטערן.

**ווען א יוד איז אבער מכיר, אז דו ביסט אין א וועלט וואס געהער פארן אייבערשטן. עס איז דא א בורא עולם, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, דו געפינסט זיך ביי יענעם אין גארטן, דו געפינסט זיך ביי יענעם אין שטוב, דער אייבערשטער גיט דיר לעבן, דער באשעפער לאזט דיך, זיך ארומצודרייען דא אויף זיין וועלט, איז עס ביי אים אזוי פשוט, און ער פארשטייט, אז ער קען נישט טון אויף די וועלט וואס ער וויל. עס איז דא א בעל הבית, און איך קען נאר נעמען פון די וועלט, וואס מען האט מיר ערלויבט צו נעמען. און וואס מען האט מיר נישט ערלויבט צו נעמען, טאר איך נישט נעמען. איך קען נישט גיין ווי איך וויל, און איך טאר נישט זעהן וואס איך באקום נישט קיין רשות דערויף.** פונקט ווי א קינד פארשטייט, אז ביי יענעם אין שטוב קען מען נישט טון אלעס.

**ווי** מער עס איז איינגעקריצט ביי א יוד, אז בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, אז עס איז דא א בורא עולם וואס האט באשאפן די וועלט, און מיר זענען נישט אין אונזער אייגענע פלאץ, מיר זענען ביי יענעם אין שטוב. ווי מער דאס לייכט ביי אים, אז עס איז דא א בעל הבית, א מנהיג לבירה, עס איז נישט קיין בירה וואס איז הפקר, עס איז דא א מנהיג וואס פירט עס, טוט אים דאס מונע זיין, אז ער קען נישט טון נאר וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן רשות.

*

**ווען** עס גייט אדורך די הייליגע טעג, און יעדער יוד האט מקבל געווען זיך צו פירן ווי עס דארף צו זיין. גלוי וידוע לפניך שרצונינו לעשות רצונך, יעדער יוד וויל דאך טון דעם רצון פונעם אייבערשטן, ומי מעכב שאור שבעיסה ושיעבוד מלכיות. עס איז אדורכגעגאנגען ראש השנה און יום הקדוש, יעדער איינער איז נתעלה געווארן, יעדער איינער האט ביי זיך מחליט געווען, איך וויל אנהייבן דאס יאר אז עס זאל זיין א שענערע יאר פון וואס עס איז געווען פארדעם. יעדער ווייסט דאך נגעי נפשו וואס ער האט צו פאררעכטן, און וואו ער ווערט געשלאגן. די קבלה ביי יעדן יוד איז, אז ער גייט זיך פארבעסערן. האט דער אייבערשטער געגעבן נאכדעם די מצוה פון סוכה, דאס וועט דיך מחזק זיין, אז דו זאלסט זיך קענען האלטן צו דיין תשובה.

**מצות** סוכה איז, אז דו גייסט ארויס פון דיין פריוואטע שטוב, דו גייסט יעצט זיצן בצילא דמהימנותא. דו גייסט זיצן ביי יענעם אין שטוב, אין צל פונעם אייבערשטן. ווען דו וועסט דאס געדענקען, אז אין די וועלט וואו דו ביסט, ביסטו שטענדיג בצלא דמהימנותא. דיין עסן, דיין טרינקען, דיין שלאפן, איז נישט ביי דיר אינדערהיים, דו ביסט בצל פונעם אייבערשטן, וועסטו פארשטיין אז ביי יענעם אין שטוב קען מען נישט טון וואס מען וויל, מען קען נאר טון וואס מען האט דיר ערלויבט צו טון, און וואס מען האט דיר נישט געלאזט טון, קענסטו נישט טון. כדי מחזק צו זיין די תשובה, כדי א מענטש זאל זיך קענען האלטן צו די תשובה, האט דער אייבערשטער געגעבן דעם יום טוב פון סוכות, וואס דאס דארף ארויסברענגען ביי א יוד, צו וויסן אז עס איז דא א מנהיג לבירה, דו זיצט בצילא דמהימנותא, נישט נאר ווען עס האט צו טון מיט עניני רוחניים, נאר אלעס וואס דו טוסט, אכילה, שתיה, שינה, טיול, וואס מען טוט, דארף מען וויסן אז מען איז אונטערן אייבערשטן, און דאס גיט די כוחות הנפש אז א יוד זאל קענען שפעטער דינען דעם אייבערשטן.

**מיר** דארפן ליגן אין אמונת ה', גלייבן אז עס איז דא א בורא עולם, דאס איז די איינציגסטע זאך וואס איז מציל דעם מענטש. מען לעבט אין א וועלט פון מינות און כפירה, און עס פירט אסאך מאל אראפ פונעם ריכטיגן וועג. אבער ווי מער א מענטש וועט זיך חזר'ן, און לעבן דערמיט, אז עס איז דא א באשעפער וואס האט באשאפן די וועלט. **עס קומט א שבת, דער שבת דארף לייכטן ביי א יוד, פיר און צוואנציג שעה דארף ער ליגן אינעם שבת, וואס לערנט דיר דער שבת, אז עס איז דא א בורא עולם. עס איז דא איינער וואס האט באשאפן די וועלט, און איך געפין זיך ביי יענעם אין די וועלט, און איך בין צוגעבינדן צו טון נאר וואס דער אייבערשטער האט מיר מתיר געווען.**

*

**מען** רעדט אלץ פון חינוך פון קינדער, עס איז זייער שווער געווארן דער חינוך, אבער פון דעסטוועגן דאך, דארפן עלטערן טון דאס מערסטע וואס מען קען. און דער עיקר איז, **אריינצולייגן אין די קינדער א ליבשאפט צו תורה, א ווארימקייט צו תורה, א ווארימקייט צו זיין א יוד, שטענדיג ארויסברענגען די שיינקייט פון א יודישע שטוב. ווי חשוב דאס איז, ווי איידל דאס איז, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, עס איז נישטא קיין שום אומה ולשון וואס זאל זיך צושטעלן צו אזא שיינקייט וואס א ערליכע יודישע שטוב קוקט אויס.** אריינברענגען דעם אהבת התורה, יראת שמים, אמונה.

**און** דאס אלעס איז די צייט דערפון אין שבת. א גאנצע וואך האט מען נישט קיין צייט צו די קינדער. אפילו מען טרעפט זיך, איז עס נאר אויפן שפיץ גאפל. **עס קומט א לאנגער ווינטער, א לאנגע פרייטאג צו נאכטס, פון זעקס אזייגער ביז צוועלף אזייגער, מען קען זיצן זעקס שעה, און אויסנוצן די צייט. מען דארף זיך צוגרייטן דערצו א גאנצע וואך, זיך פארקוקן וואס גיי איך רעדן שבת מיט מיינע**

**קינדער. מען דארף נישט רעדן דירעקט צו א קינד, נאר אומדירעקט, ארויסברענגען די שיינקייט פון תורה, א שיינע מדה, א שיינע מעשה, א שיינע עובדא פון א צדיק, א שיינע הנהגה פון א גדול בישראל, וואס לערנט אויס ווי אזוי א יוד דארף זיך צו פירן.** דאס טוט זייער אסאך אויף. וואס מען הערט אין די יוגענט דאס בלייבט. יעדער ווייסט דאס ביי זיך, אז די זאכן וואס ער האט געהערט אלץ קינד, מאכט ביי אים סאך א גרעסערן רושם ווען ער דערמאנט זיך דערפון, פון דאס וואס מען הערט שפעטער. שבת דארף זיין מוקדש, פאר מחזק זיין זיך מיט אמונה, און ארויפברענגען די ליכטיגקייט וואס עס דארף צו זיין אין א אידישע שטוב.

*

**די טעכנעלאגיע וואס עס איז דא היינט, דאס מאכט חרוב די וועלט.** מען רעדט נישט פון זאכן וואס איז אן א פילטער, דאס איז שוין געווארן עברי טייטש, וואס יעדער וואס האט נאר אביסל יראת שמים פארשטייט עס. מען רעדט יעצט אפילו מיט די פילטערס, **עס נעמט ארויס דעם מענטש פון א נארמאלען לעבן! אלע וואס זענען צוגעבינדען דערצו, לעבן נישט אין זייער וועלט. מען איז צוגעבינדען, מען איז עדיקטע"ט צו א כלי, די גאנצע קאפ ליגט נאר אין וואס מען דערציילט, און וואס מען וועט הערן דערפון. מען דארף זיך אפגעוויינען דערפון!** מען האט זיך זייער גרינג צוגעוואוינט דערצו, און מען דארף זיך אפגעוואוינען דערפון. **מען איז נישט קיין מאן אין שטוב, און מען איז נישט קיין טאטע פאר די קינדער!** דער קאפ איז נישט דארטן, דער קאפ איז אלץ ערגעץ אנדערש. **מען איז אפילו נישט קיין בעל הבית אין די געשעפטן.**

**טעמו וראו, פרובירט עס אויס! לייג עס אוועק! מען מוז עס נישט האבן! ווען דו קומסט אריין אין שטוב, לייג אלעס אוועק. דו דארפסט עס נישט האבן פיר און צוואנציג שעה א טאג אז דו זאלסט אלעס הערן. לאז עס אין די קאר, לאז עס אין די ביזנעס, אבער לעב נישט דערמיט!** דיין לעבן דארף נאר זיין אויף תורה און מצוות און מעשים טובים. **מען איז אראפגעקומען אויף די וועלט פאר א תכלית! מען איז נישט אראפגעקומען אז מען זאל זיין פארנומען מיט שטותים און הבלים איבערן גאנצן טאג. ווען עס פאלט איין עפעס א זאך, זאל ער דיך קענען רידערן און איבערגעבן.** א יוד דארף וויסן, אז מען לעבט מיט אן אחריות, מען האט א תפקיד וואס מען דארף אויפטון אויף די וועלט, און זעהן צו טון וואס עס איז תכלית נשמתו.

*

**מען האט אזויפיל געדאוונט אין די הייליגע טעג, יעדער האט טועם געווען, כאטש געוויסע זמנים, וואס דאס מיינט דאווענען. מען האט טועם געווען וואס פארא נאנטקייט א יוד באקומט צום אייבערשטן בשעת ער דאוונט. די נאנטקייט וואס ער האט בשעת ער קען זיך אויסרעדן פארן רבונו של עולם אלעס וואס עס קוועטשט אים אויפן הארץ. וואס פאר א גוטע געפיל איז דאס פאר א מענטש, אז ער האט זיך פאר וועם אויסצורעדן.** עס איז דא מענטשן וואס דרייען זיך ארום פארביטערט, און זיי האבן נישט פאר וועם ארויסצוגעבן וואס עס טוט זיי וויי. א יוד האט דעם כח שטענדיג, ומי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו כה' אלקינו בכל קראנו אליו. ווען ער רופט צום אייבערשטן, איז ער נאנט. דו קענסט מתפלל זיין, דו קענסט דאווענען.

**ווען** מען דאוונט שחרית יעדן טאג, איז מען מתפלל אויפן גאנצן טאג. דו ביסט דאך א מאמין אינעם אייבערשטן, דו גלייבסט אז דער באשעפער גיט דיר די פרנסה, און נישט כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל. און אז דער אייבערשטער גיט דיר די פרנסה, ביסטו דאך אנגעוויזן אויף זיין האנט. **ווען דו גייסט ארויס ארבעטן, ביסטו דען פארזיכערט אז דיינע געשעפטן וועלן מצליח זיין? עשירים אדירים, 'איין מאל' וואס ער האט זיך פארפלאנטערט ערגעץ, האט ער פארלוירן זיין גאנץ פארמעגן! 'איין מאל' דארפן ער זיך נאר פארפלאנטערן. און אז א יוד איז מתפלל פאר ער גייט ארויס צום געשעפט, רבונו של עולם העלף מיר, זיי מיר צו די האנט אז איך זאל קענען מצליח זיין, דאס איז די חשוב'סטע זאך וואס א יוד קען האבן מיטן כח התפילה.**

**וואס** דארף מען זיך יאגן ביים דאווענען? **פארוואס קענסטו זיך נישט אויסשטעלן צו דאווענען מיט א שטאטן מנין. שטאט מיינט נישט אז מען דאוונט שעות, שטאט מיינט מיט פינף-צען מינוט שטאטער, דאס איז די גאנצע חילוק פון א שנעלן דאווענען צו א שטאטן דאווענען. פארוואס זאל ער זיך נישט**

**אויסשטעלן מיט א סדר, איך שטעל זיך דאווענען, און איך גיי דאווענען, ווי א יוד דארף צו דאווענען. דאווענען יעדן טאג מלה במלה, ווארט ביי ווארט. עס נעמט טאקע נאך פינף מינוט דאס דאווענען, אבער וויפיל פינף מינוט'ס וועסטו פארשפארן שפעטער פון עגמת נפש אין די געשעפטן.** מען דארף זיך אזוי מסדר זיין, אז מען זאל קענען דאווענען ווי א יוד דארף צו דאווענען.

**מען** דארף וויסן דאס חשיבות פון דאווענען. דער הייליגער **רבי ר' יונתן זצ"ל** שרייבט אויף א פלאץ, אז ער האט נישט אין זיין גאנץ לעבן אזא תענוג, ווי די שעה וואס ער איז עומד בתפלה פארן אייבערשטן! אלע זיינע תענוגים וואס ער האט געהאט במשך פונעם לעבן, וואס ער האט גענוג תענוגים פון תורה און פון קדושה וטהרה, פון דעסטוועגן דאך, איז עס ביי אים נישט געווען אזוי חשוב, ווי די שעה וואס ער איז עומד בפני בוראו, ווען ער שטעלט זיך דאווענען. דאס איז די חשיבות פון תפילה.

*

**די** וואך איז ביי אונז א גרויסער יום טוב, ביי די חבורה פון '**ובהם נהגה**' וואס מען לערנט ביי אונז אין די קהילה, איז מען מסיים די וואך צוויי מסכתות, פסחים און שקלים, און מען הייבט אן דעם קומענדיגען יאר צוויי פרישע מסכתות, ראש השנה און יומא. ב"ה, עס זענען דא הונדערטער חברים וואס האבן דאס מיטגעהאלטן, א גרויס חלק האבן זיך צוגעשטעלט נישט נאר צום לערנען נאר אויך מיט נעמען די בחינות. יעדן חודש איז מען איבערגעגאנגען וואס מען האט געלערנט, און מען האט זיך פארהערט. די וואס האבן טועם געווען דעם טעם דערפון, צו זיי דארף איך נישט רעדן, זיי ווייסן אליין אז זייער שטוב איז געטוישט געווארן, זיי זענען געווארן אנדערע בעלי בתים פון וואס זיי זענען געווען ביז יעצט. תורה טוט דערלייכטן די שטוב, מען האט באקומען א חשיבות אין שטוב, מען האט באקומען א חשיבות ביי די אייגענע ווייב און קינדער. מען זעהט אויס אנדערש פון וואס מען האט אויסגעזעהן פריער.

**איך** וויל אבער רעדן צו די וואס האבן זיך נאכנישט צוגעשטעלט דערצו. זיי זאלן וויסן אז **עס איז זייער חשוב, זייער חשוב, קביעות עתים לתורה, עס טאר נישט אדורכגיין א טאג אן לערנען. און אויב מען איז זיך מחבר צו א חברותא וואס לערנט, איז עס מחייב. מען קען נישט אדורכגיין א טאג וואס ער האט נישט געלערנט**, ער האט אויסגעשטעלט זיין סדר צו וואס ער דארף אנצוקומען. - מען גייט יעצט לערנען צוויי גרינגע מסכתות, ראש השנה און יומא. אויף יום הקדוש הבעל"ט וועט מען ענדיגן מסכת יומא. וויסן וואס דאס מיינט א יום הקדוש, וויסען וואס איז טייטש א ראש השנה. **ווער עס קען, זאל זיך צושטעלן דערצו, און האבן א חלק דערצו. כל ימיו וועט ער זיין דאנקבאר אויף דעם וואס ער האט זיך צוגעשטעלט דערצו.**

**אבער** די עיקר וויל איך מעורר זיין די בחורים אז זיי זאלן זיך צושטעלן דערצו. מען לערנט טאקע אין די ישיבה גענוג סדרים, אבער עס בלייבט אייביג איבער אסאך צייט וואס מען קען זיך משלים זיין מיט נאך א מסכתא. עס איז דא פרייטאג'ס, עס איז דא שבתים, עס איז דא ביינאכט, עס איז דא פרייע צייטן אן א שיעור. נישט נאר איין מסכת קען מען ענדיגן, נאר צוויי מסכות אויך. אבער על כל פנים אדורכצולערנען איין עמוד א טאג, איז א געוואלדיגער ענין, אפילו מען האט אלע שיעורים ארום און ארום. **ווער עס האט נאר די מעגליכקייט מיטצוהאלטן מיט די חבורה פון 'ובהם נהגה', זאל מיטהאלטן און לערנען יעדן טאג א עמוד גמרא.** עס וועט ענק צונוץ קומען יעצט, און עס וועט ענק צונוץ קומען ווען מען וועט ווערן בעלי בתים, **אז מען האט זיך צוגעוואוינט אלץ בחור אזוי צו לערנען, וועט מען נישט אוועקגיין דערפון, און כל ימיו וועט ער בלייבן ביי דעם וואס מען האט געלערנט.** עלטערן דארפן מעודד זיין די בחורים, אז זיי זאלן נעמען אויף זיך מיטהאלטן דעם שיעור פון '**ובהם נהגה**'.

*

**עס** איז יעצט צוגעקומען נאך א שיינקייט ביי אונז אין די קהילה, די חבורה פון 'תורה שבכתב' פאר קינדער און בחורים, אדורכצולערנען חומש רש"י יעדע וואך, און מוצאי שבת וועט זיין א בחינה דערויף, און מען וועט געבן פרסים. **אן חומש רש"י קען מען נישט די תורה! עס איז תורת ה', יעדער פשוטער בעל הבית דארף קענען חומש רש"י.** און וואס מען האט געלערנט אלץ בחור און אלץ קינד, דאס בלייבט אויף שפעטער. וואס מען לערנט

שפעטער, איז שוין נישט די זעלבע. **אויב מען לערנט זיך אויס איינמאל אין די יוגענט חומש רש"י, קען מען עס שטענדיג. מען קען יעדן פסוק אין די תורה. ווען מען רעדט פון עפעס א ענין, ווייסט מען פון וואס מען רעדט, מען ווייסט דעם נושא ארום און ארום.** - עלטערן זאלן מעודד זיין די קינדער מיטצוהאלטן דעם פראגראם פון 'תורה שבכתב'. מען קען לערנען יעדן טאג איין פרשה. זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, אדורכלערנען די פאר פסוקים מיט די רש"י, און עס איבערחזר'ן, און עס איז דא מתן שכרו בצדו, מען קען זייער גרינג אנקומען דערצו.

*

**דער** עיקר וואס מיר דארפן וויסן איז, אז מען דארף לעבן ווי א יוד דארף צו לעבן. **יעדער יוד האט זיין תפקיד, איינעם האט דער אייבערשטער אריינגעשטעלט אין עולם התורה, איינעם האט ער אריינגעשטעלט אין עולם המסחר, איינעם האט ער געגעבן אז זיין תפקיד איז צו טון חסד מיט אנדערע, יעדער איינער ווייסט אין וועלכע קאטעגארי דער אייבערשטער האט אים אריינגעשטעלט, און דאס איז דיין עבודה, און זיי צופרידן. זוך דיר נישט עפעס אנדערש, זיי צופרידן פון וואס דו האסט, זוך צו דינען דעם אייבערשטן אין דעם פלאץ וואו ער האט דיך אריינגעשטעלט.** מען בעהט נישט פון א מענטש א זאך וואס איז נישט ברשותו, אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו, דער באשעפער בעהט נאר פון יעדן איינעם, פארבעסער דיך אין דעם מצב וואס דו ביסט.

**יעדער** האט מתפלל געווען, און יעדער האט דאך געבעטן פונעם אייבערשטן, אז מען זאל האבן א פרייליך און א גליקליך יאר, ויהיו דברי אלה אשר התחננתי לפני ה', קרובים אל ה' אלקינו יומם ולילה, לעשות משפט עבדו ומשפט עמו ישראל דבר יום ביומו. לייג אוועק די תפלות אויף יעדן טאג וואס מיר וועלן דאס דארפן האבן, דבר יום ביומו, אין יענעם טאג. שתשים דמעותינו בנאדך להיות, דער באשעפער זאל נעמען אלע אונזערע תפילות וואס מיר האבן מתפלל געווען, און עס אוועקלייגן. און ווען מען וועט דארפן די תפילות, זאל עס דער אייבערשטער אפיר-נעמען.

**דער** באשעפער זאל געבן, אז עס זאלן נתקבל ווערן אלע תפילות וואס מיר האבן מתפלל געווען פארן אייבערשטן לרחמים ולרצון, מיר זאלן האבן א שנה טובה ומתוקה, א פרייליך און א זיס יאר, און א געזונט יאר. פאר די וואס דארפן רפואות און ישועות, זאל דער באשעפער צושיקן זיי זאלן געהיילט ווערן בתוך שאר חולי ישראל. דער באשעפער זאל געבן פאר יעדן איינעם קינדער, זרעא חיא וקיימא. די קינדער וואס מען האט, זאל מען קענען מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מען זאל קענען אויפשטעלן ערליכע יודישע דורות. דער באשעפער זאל געבן פאר יעדן איינעם מיט די בני בית צוזאמען, לאנגע געזונטע יארן, און מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב, מיר זאלן זוכה זיין צו די גרויסע ישועה, מיט די גרויסע שמחה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

אחר אמירת דברות קודש עמד **רבינו שליט"א** בריקוד בניגוני 'בספר חיים', 'וימלא משאלותינו', 'לשנה הבאה בירושלים'. אחר כך קיים **רבינו שליט"א** מנהג זריקת התפוחים לכל קהל הקודש, וחילק אגוזים כנהוג.

*

***<u>יום רביעי פרשת בראשית - אסרו חג</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **עזריאל** (ב"ר חיים ארי') **רובין** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** להסעודה, ונשא מדברותיו.

אחר הברית ניחם **רבינו שליט"א** את האבלים אצל משפחת ש"ב **הרה"ג רבי יחיאל יודא גרינוואלד זצ"ל** אב"ד טעטש.

כמו כן ניחם אבלים אצל **כ"ק האדמו"ר מאלעסק שליט"א** ובניו הרבנים הגאונים שליט"א, שישבו שבעה על פטירת הרבנית מאלעסק ע"ה.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**א' האבלים:** דער טאטע (הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל) האט גלייך געוואוינט אויף פענן סטריט?

**רבינו:** ער האט דארט געוואוינט פון תשכ"ב. דאס איז געווען זיין דריטע פלאץ.

**א' האבלים:** דער זיידע (**כ"ק האדמו"ר רבי מנחם שלמה מקאלוב זצ"ל** בעמח"ס **חקל תפוחין**) איז איינמאל אדורך געגאנגען דעם סאמבאטהעלער בית המדרש, האט ער געזאגט, דאס איז שוין נאך מיר. דער זיידע איז געקומען קיין וויליאמסבורג פון בארא פארק ראש השנה תשט"ו.

דער **סקווירא רבי זצ"ל** האט אויך געוואוינט קודם אין בארא פארק אקעגן איבער דעם זיידן, אויף די צוויי און פופציגסטע גאס. דער היינטיגער **נאראלער רב** האט מיר געזאגט, אז ער איז געווען ביי ביידע, און זיי האבן זיך ביידע געמוטשעט מיט מנין. דער **סקווירא רבי** איז געקומען תש"ט, און תשי"א איז ער געפארן קיין וויליאמסבורג. איך האב געהערט פון די מאמע, אז ווען דער **סקווערער רבי** איז געפארן וואוינען קיין וויליאמסבורג איז דער **סקווערער רבי** זיך געקומען געזעגענען פונעם זיידן, און דער זיידע איז זיך געגאנגען געזעגענען פונעם **סקווירער רבי**, און זיי האבן זיך געטראפן אויפן גאס, און זיי האבן זיך אזוי געזעגנט.

דער **נאראלער רב** האט מיר געזאגט, אז אינדערהיים איז דער זיידע אין אראד געווען סאך א גרעסערער רבי ווי דער **סקווערער רבי** אין קאלאראזש. עס איז געווען א יוד אין ארץ ישראל, רבי מענדל סאלאוויטש, ער האט געוואוינט אין א דערפל אין ארץ ישראל נעבן חיפה, און אין אינדערהיים האט ער געוואוינט אין אראד, און ער פלעגט זאגן, די אמעריקאנער בהמות, אין אמעריקא איז דא א **קאלובער רבי**, ווען ער האט געוואוינט ביי אונז אין אראד, זענען קראנקע ארויס געזונט, הינקעדיגע זענען ארויס גייעדיג, און אין אמעריקא באהאלט ער זיך, און זיי כאפן נישט.

**רבינו:** אונז האב מיר געוואוינט ארום די גאס פונעם זיידען, מיר זענען געווען שכנים פון הויף אונטען. דער זיידע פלעגט כמעט יעדן פארטאגס זאגן תהלים אין הויף. דער הויף איז געווען אויסגעפלאסטערט אין די זייטן, און אינמיטן איז געווען באוואקסן. און ער פלעגט ארומגיין אין חצר, מיט א תהלים אין די הענט, און געזאגט תהלים. ער האט געזאגט צוויי דריי פסוקים, און זיך אפגעשטעלט, ארויפגעקוקט אויפן הימל, און ווייטער געזאגט אפאר פסוקים.

איר האט געזאגט וועגן מנין, **מיין טאטע ז"ל** האט געהאט א בית המדרש פאר ער איז געקומען קיין פענן סט. קודם האט ער געוואוינט אויף סאוט פינף, און ווען מען האט געמאכט דעם עקספרעסוועע"י, האט מען צונומען די הייזער, און דעמאלטס האט ער זיך אריבערגעצויגען קיין בעדפארד עוו., צווישן דעם סאטמארער רב'ס דירה און זיין בית המדרש. דער **סאטמארער רב זצ"ל** האט געוואוינט אויף קליימער, און זיין בית המדרש איז געווען אויף ראסס. און מיין טאטע האט געוואוינט ביי טעילאר, וואו עס איז היינט די פראדזשעקטס. ער האט געוואוינט דארט אפאר יאר, און ווען מען האט געבויט די פראדזעקטס, האט מען צונומען די דירות, דעמאלטס איז ער אריבער קיין פענן סט. ווען **מיין טאטע ז"ל** איז געגאנגען זאגן פארן **סאטמארער רב** אז ער קומט וואוינען אין זיין שכינות, האט ער אים געזאגט, 'נו, ווען איר וועט דארפן מנין וועט איר בארגען ביי מיר, און ווען איך וועל דארפן מנין, וועל איך בארגען ביי אייך'. עס איז גוט אז עס איז דא צוויי בתי מדרשים איינס נעבן דאס אנדערע.

**א' האבלים:** דער זיידע האט געהאט א דרייסיג פערציג יודען דא אין בארא פארק, ער האט געמופט קיין וויליאמסבורג ווייל ער האט נישט געקענט דערהייבען די יודען אן א בארד. ער האט זיך אפגערעדט פארן **סאלקא רב** און ער האט אים געברענגט קיין וויליאמסבורג. דער היינטיגער **סאלקער רב** האט מיר געזאגט, א זיין טאטע פלעגט אים שיקן ראש השנה ביינאכט צו הערן ווי ער זאגט לדוד מזמור, מען האט עס געהערט ביז ליע עוו.

מיר האט די מאמע געזאגט, אז איינע פון די זאכן וואס האט אים געשטופט אוועקצוגיין פון בארא פארק איז געווען, ווייל זי אדער די מומע איז איינמאל אהיימגעקומען פארקורצט די קלייד. און ער האט איר געפרעגט וואס איז דאס. האט זי געזאגט, אז די שכנה האט איר אריינגעלייגט א סעפטי פי"ן, און זי האט איר געזאגט, דו ווייסט נישט אז אין אמעריקא גייט מען נישט מיט לאנגע קליידער. און עס האט אים געפערליך ווי געטון, האט ער געזאגט, מען דארף אוועקגיין פון דא.

**רבינו:** ווילאנג איז שוין נישט דא דער זיידע.

**א' האבלים:** פון תשל"ח. שלש עשרה מידות איז ער געווארן זעקס און זיבעציג יאר. דער **פאפא רב זצ"ל**

האט געזאגט אויף אים א מורא'דיגע הספד, אפילו זיי האבן זיך כמעט נישט געטראפן.
**רבינו:** איך געדענק דעם הספד.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג וניחם אבלים אצל משפחת הרב רבי **אלי' בצלאל טייטלבוים** ז"ל.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו לנארט מייאמי למנוחה.

*

***<u>שבת קודש פרשת בראשית</u>***
**רבינו שליט"א** התפלל וערך סעודה שלישית בבית המדרש קהל חסידים בעיר.